בס״ד | חודש תשרי תשפ״ג לפ״ק | Vol #10

# אידישקייט

נקודות למחשבה צו איבערקלערן אונזער אידישקייט סטאטוס

**וויאזוי האט זיך דיין טאטע געפירט, וויאזוי פירסטו דיך, און וויאזוי וועלן דיינע קינדער זיך פירן..!?**

דברות קודש
מאת כ״ק אדמו״ר
מסאטמאר שליט״א

ווערטער בוך:
**טשילן...**



## שאולי ביים קידוש

אויף די גראונדס אין קאנטרי תחת כיפת השמים

דאס מאל האבן מיר געטראפן שאולי אין קאנטרי האלב פאר׳שיכור׳ט ביים קידוש וואס זיין חבר מאטי האט צוגעשטעלט צו ריקן און צו בריקן פון אלע ערליי הערינג, לעבעדיגע גאלא, נוקלאערע טשולענט מיט בשר בהמה. אלעס לטובת נשמת די באבע בשמי מעל...



# פונעם דינער

אין די פארגאנגענע וואכן האט כלל ישראל אויפגענומען מיט עקסטאז די 'אידישקייט' גליון מיט א פרישן באדייט, 'אידישקייט' האט זיך געהויבן, די ווייטאג און געשריי וואס ליגט שוין אזוי לאנג אויפן הארצן פון אזויפיל ערליכע אידן יראים ושלימים וועלכע ווילן זיך נאך האלטן נארמאל און ריין, און נישט פאר'שיכור'ט ווערן פון יעדן שגעון אינעם אמעריקאנעם שמעלץ טאפ, וועלכע פארגלייכט אונז ליידער צום עם הדומה לחמור.

די נייע אידישקייט בלעטל האט פון איין זייט אויפגעברענגט ווייטאג ביי פילע ליינער וועלכע האבן זיך אליינס אנגעקוקט מיט וואונדער, אז מען דארף שוין ליידער מאכן בראשונרן אויפצוקלערן אזעלכע פשוטע יסודות וועלכע באררן אונזער ריינע תמימות'דיגע ערליכקייט מדור דור, אבער פון די אנדערע זייט האט עס אויפגעברענגט האפענונג און פרייד אז ענדליך רעדט שוין איינער פון די סאמע יסודות וואס קיינער רעדט נישט.

די ברייטע ארטיקל פון 'שאולי ביים דינער' האט געברענגט א מאסיווע שטורעם ביים יהדות החרדית, טויזנטער אידן האבן זיך פשוט געעפענט די אויגן און זיך געכאפט וואו אונז שטיי מיר, לאן הגיענו, פון פשוטע מסיבה אויפצוטרייבן געלט לטובת א צדקה צוועק, איז עס געווארן א מקום פון שוואויל טאג, פאן, ליצנות און פרעס אן קיין גבולים.

ליידער איז היינט שוין כמעט נישט מצוי א דינער מיט אן אויבן אן פון חשובע רבנים און דיינים, א זאך וואס ביז אפאר יאר צוריק איז יעדע דינער געווען אויפגעשטעלט א פראכטפולע בימת הכבוד פאר די גדולי התורה וואס דאס האט געגעבן די ריכטיגע מעסעדזש אז דער צוועק איז הייליג און טייער אין די אויגן פון די תורה'דיגע אטאריטעיטן, און דאס איז וואס עס האט מחייב געווען דעם ציבור יך צו באשטייערן מיט גרעסערע נדבות.

היינט מאכט מען שוין רוב געלט לטובת די ארגאנעזאציע ביי די צענדליגע מסיבות וואס קומען שוין פאר לאנגע וואכן איידער די ערווארטעטן דינער, און נאך א וואך צוויי נאכדעם ביים אלגעמיינעם ציבור אין די בתי מדרשים, און די עצם 'מעמד הדינער' איז רעזווירט בלויז פאר אינטערטעימונגן און אינטערהאלטונגן.

מען קומט היינט אריין אין א זאל ביי א דינער, מען זעט די ווי פרעס און זויף גיסן זיך אויף די טישן לקיים את הזולל וסובא, און דער גאנער עולם וואלגערט זיך פאר געלעכטער פון עטליכע אויסגערופענע ליצים. ניין, עס איז נישט קיין שבע ברכות, עס איז נישט פורים שפיל חודש אדר, נאר סתם א גרינעם דינסטאג אינמיטן יאר, און מען הויליעט על לא דבר.

אונזער בלעטל איז נישט געמאכט געווארן אויסצושמועסן דברי מוסר והדרכה פארן עולם, מיר קומען פשוט אויפברענגן געדאנקן, נקודות למחשבה, פאר די וועלכע ווילן נאך האלטן זייער קאפ גראד און נישט ווערן צודרייט מיטצופארן מיט די נידריגע אמעריקאנע לייפסטייל וועלכע כאפט זיך אינגאנצן אריין בינינו ובתוכינו.

עס איז באמת געווען א קידוש שם שמים נאכדעם וואס די פארגאנגענע אידישקייט בלעטל איז ארויס לאור עולם און די וואויסמעילס און די אינבאקס פון די 'אידישקייט' הויפטקווארטיר איז ממש איבערגעפילט געווארן מיט אזויפיל מעסעדזש פון אידן וועלכע האבן באגאסן די ארויסגעבער מיט אזויפיל שבח והודאה פארן ענדליך נעמען די מייק אין די האנט און אויסשמועסן מיט א קלארקייט די אמת'דיגע מציאות וואו מיר שטייען.

מען הערט פון אידן וועלכע געהערן בכלל נישט צו עפעס א פרומערע קולטור אדער עקסטרעמע באוועגונג וועלכע זענען ממש אויסער זיך אז ענדליך רעדט מען שוין פון די פשוטע זאכן וואס באדערט שוין אזוי לאנג פאר יעדן פשוטן בעל הבית וועלכע וויל נאך לעבן נארמאל.

מען הערט פון אידן וועלכע געהערן בכלל נישט צו עפעס א פרומערע קולטור אדער עקסטרעמע באוועגונג וועלכע זענען ממש אויסער זיך אז ענדליך רעדט מען שוין פון די פשוטע זאכן וואס באדערט שוין אזוי לאנג פאר יעדן פשוטן בעל הבית וועלכע וויל נאך לעבן נארמאל, איידל און באשיידן, אזויווי א איד דארף זיך צו פירן.

נאכן באקומען אזויפיל חיזוק פונעם ברייטן ציבור אידן, פרומע און באלבאטישע צוגלייך, האבן מיר גענומען ווייטער די מיה און געגאנגן צום קומענדיגן שטאפל, דאסמאל איבער די נושא פון קידושים.

ביי דער נושא איז שוין באמת פיל שווערער צו רעדן, ווען מען זעצט זיך צום שרייב טישל אביסל צו צונעמען דאס ענין, קומען ארויף אויפן געדאנק אזעלכע ווייטאגליכע סיטואציעס וועלכע שפילן זיך ליידער אפ ביי די סאמע שענסטע און בעסטע, ליידער זעהט היינט אזויפיל מאל אהיימגייענדיג פון ביהמ"ד שבת אינדערפרי ווי היימישע אינגעלייט וואלגערן זיך אויף די גאסן בשיכורתו של לוט און מ'שלעפט זיי אהיים צו זייער שטוב ווי עס ווארט אים אפ די ווייב און קינדער, צובראכן און פארקלעמט.

עס איז א באמת בושה צו רעדן דערפון אין א היימישע אויסגאבע, אבער ווען מען זעט מיט די אויגן וויאזוי די זאכן דערקייקלען זיך צוביסלעך, אנגעהויבן מיט רייכע קידושים, ברייטע פרעס, טייערע ברוינפנ'ס, און צולאזטע אינטערהאלטונגן, און פון דארט ביז עטליכע שיכורים ביים ענדע, איז שוין בלויז א קאצן שפרינג, קענען מיר נישט בלייבן שטיל, און מיר האבן גענומען דעם פענע אין האנט אריין און פרובירט אויסצושמועסן די נקודה אויף א ברייטן פארנעם.

און עס איז טאקע כדי אויסצושמועסן אז נישט ביי יעדן קידוש אין יעדן ביהמ"ד איז די מצב אויף דעם שטאפל אזויווי עס שטייט דא באשריבן, אבער ליידער האבן מיר גארנישט מגזם געווען, יעדעס ווארט איז אן אמת'ן פאקט וואס שפילט זיך לייד אפ מדי שבת בשבתו, אבער אפילו וואו מען האלט נאכנישט דארט, דארף מען אבער וויסן צו האלטן א געניט אויג און וואכזאמקייט אז מען זאל נישט אנקומען דארט ווי אסאך אנדערע זענען שוין ליידער יא אנגעקומען.

שטייענדיג יעצט אין די גרויסע הייליגע טעג ווען אידישע קינדער ווערן נתרצה פארן מלך יושב על כסא רחמים און מען שטייט פאר די גרויסע לעכטיגע טעג פונעם זמן שמחתינו באהבה וברצוןאיז די פאסיגסטע

# צום קידוש

צייט אויסצושמועסן און ארומרעדן איבער דעם נקודה, וואס יידער ווערט שטארק איינגעריסן די סארט קידושים און הוללות ביי געוויסע בתי מדרשים אינעם גרויסן הייליגן טאג פון שמחת תורה, אויף א שרעקליכע בזוי'דיגע פארנעם.

דער טאג וואס כלל ישראל פריידט זיך מיט די תורה הקדושה און מען געזעגנט זיך שוין פון די הייליגע זמנים וועלכע זענען א חטיבה אחת פון פנימיות'דיגע אהבה פונעם רבוש"ע צו זיין הייליג פאלק, זעהט ען יידער און געוויסע בתי מדרשים א שרעקליכע לייכזיניגקייט ווען מען טרינקט זיך אן און מען שטעלט צו בשר בקר וצאן במשך דעם גאנצן הייליגן טאג מיטן אמתלא אז מען דארף דאך זיין בגילופין, וח"ו נתערב זר בשמחתינו.

אשע"כ איז יעצט די פאסיגסטע תקופה אינעם מעגל השנה זיך אויסצושמועסן און אריינטראכטן אביסל טיפער אין אונזער אידישיקייט סטאטוס, זעהן וואו מיר שטייען, און זיך אנכאפן אינעם שטריק מיטן ערליכן אידנטום ווייטער צו גיין אויפן ריינעם ערליכן וועג און נישט פארכאפט ווערן אינעם אמעריקאנע באוועגונג פון קלות און לייכזיניגקייט.

עס איז צום האפן אז אונזערע דיבורים זאלן טאקע ברענגן די ריכטיגע רעזולטאטן און עס זאל אויפטון נאך פיל מער ווי מיר קענען זיך פארשטעלן, און מיר זענען ווייטער מתפלל צום רבון עלם ועלמיא אז די ווערטער זאלן ריכטיג אנגענומען ווערן און עס זאל נתקבל ווערן ביי די טויזנטער ליינער פון איבער די וועלט, און מיר זאלן ווייטער קענען בלייבן אמת'דיגע ערליכע אידן, מיטן ארגינעלן גלאנץ פון די ריינע ארגינעלע אידישקייט, און מיר זאלן זיך נישט דארפן שעמען פון משיח צדקינו וועלכע שטייט שוין ביים שוועל והנה זה עומד אחר כתלינו, באנפין נהירין במהרה בימינו.

# ווערטערבוך

ערקלערונג אויף פרישע ווערטער וועלכע האבן נישט קיין קלארע באדייט

## טשילן

די פשוטע אפטייטש פון דאסווארט 'טשילן' איז קאלט, עס קומט לכאורה בשורשה פון דאס וואס שטייט אויף טייל באטלעך וויין אדער ביר served chilled, מען זאל דאס סערווירן קאלט.

איי פארוואס שטייט 'טשילד' און נישט קאלט, מן הסתם איז דאס מער טשיליש גערעדט...

בעיקר ווערט דאס ווארט גענוצט ווען איינער שפירט אז ער איז שוין צו א ווארימע איד און ער ברויך זיך שוין אביסל אפקילן נישט צו ווערן חלילה פאנאטיש, דאן גייט ער 'טשילן' מיט חברים און גוטע פריינט.

איין זאך איז נאר א חידוש, אז צומאל ווען מען גייט 'טשילן' שפירן די 'טשילערס' אזא סארט ווארימע קאנעקשאן צו השם אז עס ווארימט זיי דאס גאנצע פנימיות, דאס איז נאך דערווייל אומקלאר וויאזוי די טשילישע קאלטקייט ארבעט אינאיינעם מיט די ווארימע קאנעקשאנס. מאנכע ווילן זאגן אז פון דארט קומט טאקע די מושג פון 'האט און קאלד'.

# א גוטס

ביי א געוויסע גראנדיעזע קידוש וואו עס איז געווען צו עסן עד אשר יצא מאפכם, האט א תמימות'דיגע יונגערמאן געהאט מיט זיך א קליינעם זעקל, און ארויסגענומען א שטיקל צוקוועטשטע אייער...

אויפ'ן פראגע פון די ארומיגע: מה זאת? האט ער מיט אן ערנסטקייט מסביר געווען: כ'האב שוין געגעסן הערינג מיט צוויבל, קעיק און ברוינפן, גאלע, טשולענט מיט קושקע, קוגל און קאלד קאטס, נו, איך דארף נאר אביסל אייער און כ'האב יוצא געווען די סעודה...!




## א קידוש איינם אין די וועלט...

העלאו שאולי?!

יא בענצי, ס'נייעס?

העי שאולי זאגסט מיר גארנישט אז עטס האטס געהאט א קידוש דעם שבת...

בענצי, גלייב מיר כ'האב פשוט נאכנישט געהאט קיין טשענס דיך צו רופן, קוים וואס איך בין געקומען צו זיך... איים סטיל נאט היער... אזויפיל קענעך דיר זאגן יו מיסד סאמטינג ביג... כ'מיין אז דו קענסט מיך נישט פאר קיין ליגענער, ווען איך זאג דיר 'ביג' איי מיען 'יאאאאאאדזש' ווי טראמפ יר"ה זאגט אין אזא צייט...

שאולי, טאלק טו מי, זאג מיר איין זאך, ביסט נישט געבליבן הונגעריג, הא??

ליסען בענצי, דו ווייסט דאך איך האב ליב א גוטן ביס, מ'רעדט דא פון עפעס נעקסט לעוועל...

ווייסטע וואס? לעטס מעיק א לאנג סטארי לאנגער, כ'וועל דיר זאגן נאר די הייליטס זאלסט פשוט כאפן פון וואס מ'רעדט דא, במה הכתוב מדבר...

סאו בעיסיקלי, ביי אונז אין די "היי-ענד עסטעיטס" קאנטרי איז דא אזא פופציג חברה, קיינער פון זיי האט נישט אונטער א מעלאנע, מ'רעדט פון 'סיריעס ביזנעס פיפל'. אבער ס'נישט פלעין עשירים, נאר רוב עולם איז אויך אביסל אזא תורה וגדולה סטייל קראוד.

קענסט מאטי פלינקשטיין? ער פאטשקעט אין ריעל עסטעיט, זיין בני בית - מיין איך - האט עפעס אן אנליין ביזנעס, זי קויפט און ריטוירנט אסאך אויף עמעזאן. בקיצור, כ'ווייס נישט צי ער האט טאקע געלט, אבער ער שטעלט זיך אהער ווי א געהעריגע נגיד מיט אלע מפרשים 'די האול ניין יארדס', ער טראסקעט מיט געלט אויף יעדע קלייניגקייט, אבער למעשה דער עולם אינדזשויט זיך אויף זיין אקאונט.

דער מאטי האט דעם שבת געמאכט א קידוש! סימפל!

ער טענה'ט ער מאכט א ריזיגע קידוש ווייל זיין עלטער עלטער עלטער (האלטסט מיט?) באבע, איז געווען די רביצין פונעם דיין פון אויבערוושאווא אדער אשוואר, עפעס אזוי (קען זיין ביידע אדער קיין איינס), וואס זי איז אוועק פאר בערך הונדערט יאר בעפאר די קריג, איר יארצייט געפאלט די וואך. נו, וואס טוט מען נישט פאר א באבע?

אויסער דעם איז ער נאך שולדיג פאר חתן מפטיר וואס ער האט עולה געווען אינמיטן די קאראנע צייטן, ער האט נאכנישט געמאכט אן אפישעל קידוש, ממילא דארף ער פשוט אפצאלן זיין חוב. אינאיינוועגס איז עס אויך אויפ'ן פלאץ פון א סעודת הודאה, ווייל ער איז לעצטענס געווען ביים קבר פונעם קלאבאטשאווער



**למעשה בין איך נאך געווען פון די עשרה ראשונים, און דער עולם האט זיך צוביסלעך אריינגערוקט אויפ'ן פארטש פון ביהמ"ד מיט האלב פארקלעבטע אויגן און פאקנייטשטע בערד און פיאות, און געלעכערטע סליפערס (קראקס בלע"ז) און מ'האט זיך אנגעהויבן גרייטן אויף די קומענדיגע געהויבענע מינוטן. צוליב א מאנגל אין פלאץ, האט מען געלאזט די טלית-בעקיטשע-שטריימל אין באנגעלוי.**



מגיד און ער האט צוגעזאגט אז אויב ער גייט קלאוזן די דיעל פאר סיקס פוינט סעווען, גייט ער געבן 40 מאל קידוש לעילוי נשמתו...

בקיצור, מאטי קאלט מיך פאר שבת, ער זאגט מיר "שאולי זעה צו האלטן פרי"



# ביים קידוש

## אויף די גראונדס אין קאנטרי תחת כיפת השמים



דעם מאגן צו קענען אקאמאדירן די פרישע שיפמענטס וואס וועלן מארגן אימפארטירט ווערן דארטן". אויב האב איך געמיינט אז ער מאכט א וויץ, איי וואז אין פאר עי סורפרייז! וואס דער בחור האט אהערגעשטעלט... עפעס שלא מעלמא הדין.



גאנץ פרייטאג האט מען דעליווערט סחורה נאן-סטאפ צום קאנטרי שוהל, און די לאקאלע ערלים האבן געהאלפן אפלאדענען די פולע וואגאנען מיט אכילה גסה, מ'האט שוין געזעהן אז ס'קומט זאטע יארן...

כ'בין אויפגעשטאנען שבת צופרי 11:30, כ'האב מיך אריינגעגליטשט אין שוהל און געמאכט א פעקעדזש-דיעל פון שחרית, קרה"ת, מיט מוסף אינאיינעם, 'טרי פאר די פרייס אף וואן'. מוזט פארשטיין מ'רעדט דא פון א קידוש וואס לאו בכל יומי מתרחיש.

למעשה בין איך נאך געווען פון די עשרה ראשונים, און דער עולם האט זיך צוביסלעך אריינגערוקט אויפ'ן פארטש פון ביהמ"ד מיט האלב פארקלעבטע אויגן און פאקנייטשטע בערד און פיאות, און געלעכערטע סליפערס (קראקס בלע"ז) און מ'האט זיך אנגעהויבן

**ביי די ווער, עז עי סייד פוינט, מאטי'ם פעטער האט אריינשפאצירט אין שוהל נאכ'ן קידוש צום לערנען, ער געט אזא פרעג: לשמחה מה זו עושה? וואס איז די קידוש? האט מען אים געזאגט אז ס'דאך אויך זיין באבע'ס יארצייט... רופט ער זיך אן, גראדע איז די יארצייט נעקסטע וואך...**

גרייטן אויף די קומענדיגע געהויבענע מינוטן. צוליב א מאנגל אין פלאץ, האט מען געלאזט די טלית-בעקיטשע-שטריימל אין באנגעלוי.

די סדרנים האבן ארויסגעברענגט טישן און בענק אינדרויסן אויף די גראונדס, ווייל ס'מ'ער אויסגעהאלטן לויט רוב שיטות אויב ס'איז ממש תחת כיפת הרקיע אן קיין שום חציצה, ווייל אזוי גייט די תיקון פאר די באבע'ס נשמה ארויף סטרעיט ביז איר מקום אין גן עדן, און זי קען גלייך צוריקשיקן די השפעות פאר אלע משתתפים, ריטוירן טו סענדער.

ווי נאר די מאכלים האבן אנגעהויבן צו ערשיינען צום מעמד, האט זיך דער עולם ספאנטאניש אויפגעשטעלט און ס'איז אנשטאנען א שטופעריי, יעדער האט געוואלט זיין פון די ערשטע צו באגריסן די הייסע ווארע. מ'ווייסט דאך א כלל אז עונג שבת דוחה הכל, ווען ס'קומט צו שבת'דיגע מאכלים שטייט גארנישט אין וועג.

מה נאמר ומה נדבר? וואס זאל איך דיר זאגן? און פון וואו זאל איך אפילו אנהויבן? זאל איך רעדן פון די זיבעצן סארטן הערינג כמנין טו"ב, וואס האבן מיך ממש געברענגט נאסטאלגישע זכרונות פון אמאליגע שטעט פון דער אלטער היים, בודאפעסטער הערינג, קאזשניצער הערינג, שמאלץ מאטוואש הערינג, קישקע כרעמזל הערינג... זאל איך אראפלייגן די מחזה פון די פעטע פארגליווערטע גאלע וואס האט זיך געשאקלט אויף אלע רוחות מיט עקסטאז? אדער אפשר גאר די סטאנציע וואו די ווייס-געקליידעטע שעפן האבן געהאקט לייוו מן הבקר ומן הצאן?

כ'האף אז דו ביסט אונז נישט חושד אז מ'האט געהאט דארט די פאנאטישע אווערנייי"ט קוגל, לא יזכר ולא יפקד. אנשטאט דעם האבן מיר געהאט דארט צענדליגע ערליי דזשערקיס, מיט יעדער סארט פלעיוואר און ספייסיגע דערויף, אהה! ממש אן עונג שבת!

איך מוז זאגן אז דער עולם האט זיך געהאלטן צום כלל פון אריינפאקן מיט א סדר, מ'איז געגאנגען פון איין סטאנציע צום צווייטן און געמאכט ביי יעדן באזוך אן עקירה פון רשות הרבים און אן הנחה ברשות היחיד. נאך פון די הנחה עושה מצוה האט זיך באלד פארמירט א מורא'דיגע הדלקה עושה מצוה...

מיט אויסטערלישע פרייד האט דער עולם ענטפאנגען די אורח הכבוד, א נוקלאערע טשולענט וואס אזאנס איז עין לא ראתה, יויש...די אחדות און צוזאמענארבעט פון די בונדלעך, די קושקע, און די בהמות וואס ווייקן זיך דערין, איז עפעס צום באוואונדערן. דער עולם האט זיך ממלא געווען כריסם, ווען ביז געציילטע מינוטן איז פארבליבן בלויז ליידיגע טעלערס, און געשטאפטע גענז.

מ'דארף דאך אביסל מקיים זיין דעם להשקות צמאי חסדך, בין איך אריבער צו די קאלטע משקאות אפטיילונג. ווי זאגט מען אין זמירות? עפעס בצפרא דשבתא בחמרא טבא דבי תחדי נפשא, נישט אזוי? מ'האט אנגעגאסן עטליכע מאל ד' כוסות, און ס'געווען



# שאולי ביים קידוש

## אויף די גראונדס אין קאנטרי תחת כיפת השמים

והשתי כדת...

יעדעס באטל ברוינפן אדער וויין איז נישט געווען אונטער 150 טאלער, ס'נאר געווען די פלעשער אנע הכשר, וויל די כשר'ע איז דאך סתם ציפעדיגע לעמאנעיד, ס'גוט פאר כולל יונגעלייט, נישט פאר איינער וואס פארשטייט צו א ביטערן טראפ. מ'האט געשאשקעט 'לרחצה ונתת אותו', ביז מ'איז שטייטעלעך נתעלה געווארן, צוביסלעך איז די שטימונג געווארן מער און מער דערהויבן.

מאנכע האבן שוין אפילו זיך געהויבן העכער די גרעוויטי לעוועל, און בערי גרינבערג האט זיך געלאזט הערן, כ'וויל דיר נישט נאכזאגן וואס דער האט דארט צאמגערעדט, כ'האמיך אליינס געשעמט פאר אים, זיין רביצין איז געשטאנען ביי די פרויען סעקשאן נישט ווייט פון דארט און געפלאמט פאר בושה...דער נכנס יין יצא סוד האט געטון דאס זייניגע. ווען רוב עולם איז שוין געווען זייער הויעך, למעלה מהשגות אנושי מ'האט געלאכט און געוויינט בבת אחת, האב איך פלוצלנג געשפירט אזא מין קאנעקשען צו גאט, ס'האט זיך פון זיך אליינס ארויסגעזינגען "איי לאוו יו האשעם", ס'פשוט נישט געווען שייך צו קאנטראלן די פילינגס.

אינמיטן ראללט אריין זאבי, און ער הייבט אן ברומען "נשמה וואו ביסטו?" אההה, ער איז גוווט...אזא פאסיגע ניגון, אזוי הארציג, כ'מיין אז ס'געבליבן ביי די פראגע, ס'האט נישט אויסגעזעהן ווי ערווארט אויף אן ענטפער. ווייטער האבן אנדערע ארויסגעהאלפן מיט נאך אזעלכע קאנעקטינג ניגונים, ווי למשל ויהיו רחמיך מתגוללים, רבוש"ע האב שוין רחמנות...אויך עפעס א ניגון מיט ענגלישע ווערטער וכו'...

מיר איז בייגעפאלן א מורא'דיגע גוטע ניגון וואס איז ממש ענינא דיומא, "לאמיר מאכן קידוש אויף די גאנצע וועלט...", איינער האט מיך פארראכטן אז ביי דעם קידוש לויט וויפיל מ'האט צאמגעגעסן און צאמגעטרינקען אויף איינמאל, שטימט בעסער צו זינגען "לאמיר מאכן קידוש 'פאר' די גאנצע וועלט"! ער זאגט נישט שלעכט...

ס'אויך געקומען א פארלאנג פון די נשים צדקניות, וואס זענען פארשטייט זיך אויך געווען אנוועזנד און



**מה נאמר ומה נדבר? וואס זאל איך דיר זאגן? און פון וואו זאל איך אפילו אנהויבן? זאל איך רעדן פון די זיבעצן סארטן הערינג כמנין טו"ב, וואס האבן מיך ממש געברענגט נאסטאלגישע זכרונות פון אמאליגע שטעט פון דער אלטער היים, בוראפסטער הערינג, קאזשניצער הערינג, שמאליץ מאוטוואש הערינג, קישקע ברעמזל הערינג...**

מיטגעהאלטן ביי די זייט, אז מ'זאל זינגן א הערליכע גארדזשעס ניגון פון עפעס אן איזרעילי זינגער וואס איז זייער אויפגעכאפט לעצטענס.

כ'האב אינמיטן באמערקט אז נתי ליגט אויפ'ן ביטש-טשעיר מיט פארגלייזטע אויגן, כ'זאג אים אזוי מיט א תנועה'לע "נתי וואו ביסטו, נתי כ'ווארט אזוי לאנג אויף דיר", ווען כ'האב געזעהן ער כאפט נישט די דזשאוק, האב איך אים געגעבן אזא דזשאכע..ס'האט נישט געהאלפן, ביז כ'האב באמערקט אז ער איז נעבעך אנקאנטשעס. נאך א מזל אונז האבן געהאט א מעמבער אויפ'ן פלאץ, מ'האט געדארפט אריינפירן נתי אין עמערדזשענסי רום, צוריק אראפברענגן פון אויבן...

נאכ'ן קומזיץ איז זיך יעדער צוביסלעך צוגאנגען, כ'דארף דיר נישט זאגן אז קיין געהעריגע סעודה איז א פארגאנגענהייט, א חלק זענען גלייך צוריק אין בעט אריין מתנה על מנת להחזיר, עפטער אלל עפעס קומט זיך פאר'ן גוף אויכעט נאך אזא געהויבענע קידוש. ישראלי, ער איז שוין מער ערנסט, האט ער יוצא געווען מיט א כזית לשם סעודה, און די איבריגע חברה ואני בתוכם, האבן געכאפט א שפאציר אפציוואקן דאס עסן, ס'דאך נישט געזונט זיך צו לייגן גלייך מיט א פולן מאגן, האמיר געמאכט קודם שהי' און נאכדעם הטמנה.

אזא "קידוש" מיט א קעפיטל ק' איז שוין לאנג נישט געווען, ס'נישט געבליבן קיין פלאץ אין מיינע געדערים אפילו פאר א דינעם נאדל. אוי איז עס געווען פיינע נייעס...דער בחור קומט אריין קלאר!

ביי די וועי, עז עי סייד פוינט, מאטי"ס פעטער האט אריינשפאצירט אין שוהל נאכ'ן קידוש צום לערנען, ער געט אזא פרעג: לשמחה מה זו עושה? וואס איז די קידוש? האט מען אים געזאגט אז ס'דאך אויך זיין באבע'ס יארצייט...ער רופט זיך אן אז גראדע איז די יארצייט נעקסטע וואך...דער "בעל שמחה" מאטי האט אים געזאגט בבושת פנים "נאו פראבלעם, העכסטענס וועט מען מאכן נעקסטע שבת נאך איינס"... (ער האט דאך נאך צו גיין ביז פערציג...)

איך האף אזוי...

# קידושא רבא ביים ערנסטן יונגערמאן

יעצט לאמיר אריבערגיין צום אנדערן זייט גאס, און כאפן א נענטערן בליק וויאזוי ווערט געפראוועט א שבת פרימארגן ביי ר' יונה, א פשוט'ע חסידי'שע יונגערמאן, ער ארבעט שווער א גאנצע וואך על המחי' ועל הכלכלה ועל תנובת השדה. מיר נוצן אים בלויז אלס א ביישפיל, אבער עס טוט באמת אפשפיגלען וויאזוי ערליכע אידן אין אלגעמיין רעכטן אפ אזא געהויבענע צייט.

ר' יונה שטייט אויף שבת צופרי, טאקע נישט אזוי פרי פארטאגס ווי די גאנצע וואך, ער איז אויסגעמוטשעט פון א וואך ארבעט, נאכדערצו וואס ער האט פארברענגט ביים נעכטיגן באטע ביז היבש שפעט אין די נאכט אריין, אבער צו שפעט קען מען דאך נישט אויפשטיין, עס איז דאך שבת קודש.

ער גייט ערשט כאפן א מקוה, זיך מטהר צו זיין אין אזא הייליגן גרויסן טאג. דערנאך שפאנט ער אריין מיט א רואיגקייט אין היכל הביהמ"ד, ער גיסט זיך אן א פרישע שאל קאווע, און זעצט זיך איבער א גמרא, ווי צדיקים האבן געזאגט אז די גרעסטע תענוג איז א בלאט גמרא שבת פאר'ן דאווענען.

נאכ'ן דף גמרא זעענדיג אז ס'נאך פארבליבן צייט ביז'ן דאווענען, איז ער זיך מצטרף צום שיעור אין אור החיים הק' וואס ווערט פארגעלערנט דורך איינע פון חשוב'ע מגידי שיעור אין ביהמ"ד. אזעלכע זיסע לעכטיגע שטיקלעך אויף די פרשה, אז מ'קען זיך באלעקן די פינגערס מיט יעדעס איינציג ווארט.

פארשטייט זיך אז ר' יונה געט נישט אויף זיין ערליכע מנהג פון אויסזאגן דעם יום תהלים שבת אינדערפרי, און ער שטעלט זיך אוועק אין א שטיל ווינקל, ער זאגט מלה במלה פון די געגוועים'דיגע געזאנגען פון דוד המלך ע"ה, ער טרעפט זיין פערזענליכע דורכגייענישן צווישן די זיסע שורות פונעם נעים זמירות ישראל, און נוצט אויס די געלעגענהייט צו דאנקן און לויבן אויף די גרעניצלאזע חסדים וואס דער בוכ"ע האט מיט אים געטוהן במשך די פארגאנגענע וואך, און האט אינזין גלייכצייטיג אז ער זאל ווייטער קענען שטענדיג נאר דאנקן נאך און נאך.

שטייענדיג געציילטע מינוטן איידער מען הייבט אן פסוקי דזמרה, נעמט ער ארויס א 'מאור ושמש' פון שאנק, און לערנט דורך א ברענענדיג שטיקל וואס רעדט זיך פונקט פון די געוואלדיגע כח פון תפלה, דאס צינדט אים אן זיין הארץ זיך צו א תפלת שחרית מיט השתפכות הנפש.

ווען ס'קומט צום שבת'דיגן שחרית, טראכט זיך ר' יונה ביי זיך, ס'דאך אזא חסד מן השמים אז איינמאל א וואך קען מען זיך אויסגיסן דאס הארץ מיט אמת'ע כוונה, ווען א גאנצע וואך איז מען פאריאגט און פארפלאגט מיט טירדות און דאגות פון פרנסה און אנדערע צרכים.

קומט צו גיין א מנוחה'דיגע צייט פון שבת צופרי, ווען די גאנצע דרויסנדע וועלט קומט צו אן אפשטעל, און א איד קען זיך איינוויקלען אינעם ציכטיג ווייסן טלית, און ארויסרעדן זיינע טיפסטע הרגשים צו זיין טאטן אין הימל. קיינער קלינגט נישט, קיינער פייפט נישט, קיינער שלעפט נישט אוועק דעם קאפ פון זיך קענען קאנצענטרירן אויף די פירוש המילות. איז דען פאראן עפעס שענער און בעסער אויף דער וועלט? איז דען דא א גרעסערע תענוג רוחני וגשמי?

נאך א זאפטיגע פסוקי דזמרה, ווען מ'האט אויסגעדרוקט שיר ושבחה הלל וזמרה פאר'ן מלך העולם, האלט מען ביי די העכסטע קלימאקס פונעם דאווענען. די הייליגע ווערטער פון נשמת צוגיסט זיך אין אלע גלידער, אומוועלנדיג גליטשן זיך ארויס שנורלעך טרערן פון התרגשות און שמחה אז מיר האבן אזא גוטע געטרייע באשעפער אז אילו פינו מלא שירה כים איז נישט שייך צו שילדערן זיין חסד און גענאדע אויף יעדן אטעם, יעדן אבר, יעדן חוש און ביין, יעדע טריט און שריט.

**נאך אזא עבודה פון א דאווענען מיט אלע הכנות, מאכט ר' יונה קידוש און זעצט זיך צום טיש אנטייל צו נעמען אין די שמחה פון זיין חבר וואס האט זוכה געווען צו א מיידעלע למז"ט. ער פארזוכט א שטיקל קעיק, א גלעזעלע בראנפן, ער וואונטשט אן ווארעמע ברכות פאר'ן בעל שמחה, און מאכט זיכער נישט זיך אנצועסן צו קענען עסן סעודת שבת לתיאבון...**

נו, אוודאי האבן אונזערע רבי'ס זיך געקאכט און געווייקט אין אזא נשמת! קען דען א איד מיט א אידיש געפיהל בלייבן גלייכגילטיג ווען ער איז זיך נאר אביסל מתבונן אין אזא בענקעדיגע תפילה מלא תשוקה וחמדה צום רבונו של עולם?!

יעצט ווען ער זאגט אין די שמונה עשרה 'שבעינו מטובך', האט ער שוין עטוואס א קליינטשיגע מינדעסטע השגה וואס דעם אויבערשטנס גוטס איז, צו קענען בעטן אז ער זאל אונז אנזעטיגן דערמיט.

פאר א איד וואס האט דורכגעלערנט חומש רש"י דארף מען נישט מאכן א 'קאמפיין' אז מען זאל זיין שטיל ביים ליינען. ער זעהט אין יעדע ווארט פון די פרשה אן אוצר מלא, א תורה שלימה, און שפירט א טעם גן עדן דא אויף דער וועלט.

ליידער איז נישטא היינט קיין ביהמ"ק צו מקריב זיין קרבן מוסף, ממילא ווען מ'דאווענט תפלת מוסף שרייט זיך ארויס בקול דממה דקה פון די טיפסטע פינטל פונעם נפש, הייליגע טאטע! תכנת שבת רצית קרבנותיה... טועמיה חיים זכו... שתעלנו בשמחה לארצתינו...ונקריב לפניך...לאמיר שוין האבן די זכי' צו ברענגען די שני כבשים אין דיין הייליגע וואוינונג...

ווען א גרויסער עולם איז שוין מיט איין פוס אינדרויסן, ווייסט אבער ר' יונה די הייליגקייט פונעם פיוט אנעים זמירות, וואס פארמאגט אין זיך גאר באדייטענדע סודות ורזי דרזין, ער צונעמט יעדע שורה פון די געפלאכטענע חרוזים און זאגט מיט'ן בעל תפלה די ווערטער וואס זענען מלא וגדוש מיט כיסופים צו קרבת אלקים.

נאכ'ן דאווענען הערט זיך די שטימע פונעם גבאי'ן "ר' חיים יענקל רופט דעם גאנצן עולם צום קידוש דא אין ביהמ"ד". נאך אזא עבודה פון א דאווענען מיט אלע הכנות, מאכט ר' יונה קידוש און זעצט זיך צום טיש אנטייל צו נעמען אין די שמחה פון זיין חבר וואס האט זוכה געווען צו א מיידעלע למז"ט. ער פארזוכט א שטיקל קעיק, א גלעזעלע בראנפן, ער וואונטשט אן ווארעמע ברכות פאר'ן בעל שמחה, און מאכט זיכער נישט זיך אנצועסן צו קענען עסן סעודת שבת לתיאבון צוזאמען מיט די בני המשפחה.

איבעריג צו שילדערן וויאזוי א סעודת שבת קוקט אויס ביי ר' יונה, ווען ער קומט אהיים ווערט ער באלד ענטפאנגען דורך דאס גאנצע געזינדל מיט א העפליכע גוט שבת, און מ'רעכט אפ א ערליכע סעודה מיט אלע הידורים. ער עסט 'געהעריג' אלע שבת'דיגע מאכלים על הסדר, צווישן איין מאכל און אנדערן גיסט זיך ווי א קוואל אינטערעסאנטע מעשיות און משלים, בליציגע ווערטער אויף די פרשה, אין וועלכע אלע קינדער נעמען אויך אנטייל צולייגענדיג זייערע שיינע תורות פון חדר און סקול. אהההה! אידיש נחת!!

די זמירות זינגט ר' יונה אינאיינעם מיט זיינע קינדערלעך אזוי הערליך און געשמאק, יעדע ניגון שפירט זיך כאילו ס'ווערט געזינגען יעצט דאס ערשטע מאל, מיט אזא ברען און מיט אזא חיות, ממש ס'איז כולו מחמדים וכולו ממתקים...א מחי'... דאס הייסט אן עונג שבת במלוא מובן המלה!



# א קידוש

## אמאל און היינט

ביי יעדע זאך ווען מ'וויל פארשטיין וויאזוי ס'האט זיך ווייטער פארברייטערט און פארדרייט פונעם אריגינעלן אופן, דארף מען געוויס צוריקגיין צום שורש און מקור צו זעהן פון וואו האט זיך עס בכלל אנגעהויבן, און באמערקן די אופן וויאזוי עס איז געלאפן ווייטער און געטוישט איר צורה במשך די יארן.

א קידוש איז נישט קיין נייע ערפינדונג פון היינטיגע צייטן יארע 'טוועניטי טוועניטי טו'. א קידוש, לחיים, תיקון, וויאזוי מ'זאל עס נאר אנרופן, איז שוין געווען איינגעפירט מימים ימימה, נאך אין דער אלטער היים און ביי פריערדיגע צדיקים, גרויסע רבי'ס און רבנים האבן אזוי געטוהן. ביי געוויסע האט מען קידוש געמאכט יעדן שבת אלס 'סעודה דרבי חידקא' און אין רוב מקומות האט מען געמאכט א קידוש לרגל א שמחה ביי איינע פון די מתפללי הביהמ"ד.

אז א איד איז זוכה צו א שמחה למזל טוב, וויל ער אויסדרוקן זיינע רגשי הודאה פאר'ן אייבערשטן, צי דאס זאל זיין אז ער האט געהאט א קינד בשעה טובה, אדער ער מאכט אן אויפרוף, און ער וויל אויך מיטטיילן זיין שמחה מיט זיינע קרובים און חברים, דעריבער האט מען איינגעפירט אז נאכ'ן דאווענען האט מען געגעבן אביסל בראנפן און לעקיך צו קענען מאכן א ברכה, און דערנאך אנוואונטשן פאר'ן בעל שמחה מיט א פריילינכן געמיט.

אויף אזוי ווייט האבן די גדולים מחשיב געווען די ברכות און ווארעמע וואונטשן פון המון עם, ס'באקאנט אז ווען איינער האט זיך אמאל געפלאגט מיט זיינס א קינד, און איז געגאנגען זיך אויסרעדן פאר א געוויסע גדול, האט יענער געפרעגט צי ער האט געפראוועט א קידוש פאר איר ווען זי איז געבוירן, ווען יענער האט געזאגט אז צוליב א סיבה איז נישט פארגעקומען א געהעריגע קידוש, האט דער גדול ערקלערט אז ס'פעלט די הארציגע ברכות וואס אידן וואונטשן מעומק הלב, און מ'זאל יעצט פראווענען א קידוש דאס משלים צו זיין...

אבער מיט די צייט, האט זיך געמאכט אז איינער וואס האט אביסל מער געלט און קען זיך ערלויבן, האט געוואלט זיך אהערשטעלן מיטן געבן נאך אנדערע סארט מאכלים ביים קידוש, להראות העמים והשרים רוב עשרו ותפארת גדולתו, אז ער שטייט גוט ב"ה.

יעצט, אויב ווען איינער מאכט א פשוט'ע שמחה געט ער קוכן און בראנפן, וואס איז ווען איינער האט זוכה געווען צו א קינד נאך פופצן יאר? דארף דאך דער קידוש סימבאליזירן די גרויסארטיגקייט פונעם שמחה, "מוז" ער דאך געבן עפעס מער ווי פלעינע קעיק און סאודא, געט מען שוין צו אביסל הערינג און אייער קיכל, נו, זאל זיין...

אצינד, וואס איז די דין ווען דער וואס מאכט נאך פופצן יאר דעם קידוש איז נאכדערצו א בעל בתיש'ער יונגערמאן, מוז ער דאך מקיים זיין ואשרי כל חוכה לתשלומי כפ"ל. איז שוין צוגעקומען עטליכע מינים קוגלען צום מעניו. אן אנדערער האט גראדע נישט אזא גרויס געפיהל צו קוגל דייקא, נאר ליבערשט הייסע אויליגע קושקע און באצוויבעלטע לעבער, א בחי' פון אכלו משמנים.

פון דא און ווייטער גייט עס אויטאמאטיש צוביסלעך ארויס פון קאנטראל, ווען יעדער לייגט צו נאך איין מאכל צום ליסטע. פון אביסל שליוואוויץ און אלד וויליאמסבורג איז עס אריבער צו וואדקע, וויסקי, טעקילא און א פולע רייע שארפע משקאות מיט אלע שמות נרדפים.

פון דארט איז עס נשתלשל געווארן אז יעדער וואס האט סיי וועלכע פריילינכע געשעעניש, געט זיך אויס זיין שמחה מיט'ן מהנה זיין כל הקהל הקודש הקרובים והרחוקים, און מ'באשטעלט צום בריקענען גאנצעטע באקסעס מיט עסן.

ביז ס'האט שוין דערגרייכט גאר א פרישע שטאפל, אז פונעם טפל איז געווארן אן עיקר, א קידוש איז געווארן א רעגלמעסיגע ערשיינונג יעדן איינציגן שבת דורכ'ן יאר, דא איז עס א יארצייט, דא אן אפשערן, א בר מצוה... יו נעים איט...

היינט צו טאגס איז שוין די פאקט אז ס'דארף בכלל נישט קיין סיבה, מ'מאכט סתם אזוי א קידוש, פשוט פארוואס נישט? אמאל וועט מען שוין טרעפן נאכדעם עפעס א יארצייט וכדו' אבער מאן יימר מ'דארף אפילו זוכן א טעם? פשוט און פראסט, מ'איז הונגעריג און ס'איז געשמאק, און מ'האט נאך א געלעגענהייט זיך אנצוטרינקן און אנפרעסן עד אין שיעור ועד אין חקר.

דער אמת איז ווי שוין געשמועסט ביי אנדערע זאכן אויך, קיינער מיינט נישט קיין שלעכטס, און קיינער האט נישט בייזוויליג איינגעפירט דעם נייעם "קידוש" באוועגונג, נאר מ'וויל מחי' זיין משתתפי השמחה מיט געשמאקע מאכלים, אבער בהמשך הזמן, אויב האלט מען עס נישט צו א לימיט, גייט עס פון זיך אליין אין א דירעקציע וואס מ'האט בכלל נישט געחלומ'ט אז עס גייט דארט דערגרייכן.

## לאמיר זיך באטראכטן אביסל

טייערע ברודער לאמיר זיך צונויפרעדן. ס'העכסט צייט זיך אפצושטעלן פאר א נישטיגע פאר מינוט און זיך איבערטראכטן וואס טוט זיך דא. ווי ווייט זענען מיר פונעם אמאליגן סארט קידוש? און ווי ווייט זענען מיר פארקראכן פונעם מושג פון עונג שבת? זייט ווען מיינט עונג שבת זויף און פרעס אן אויפהער? האבן טאקע די חכמים ווען זיי האבן אונז ארויסגעברענגט די גרויסקייט פון מענג זיין דעם שבת, געמיינט אז מ'זאל מענג זיין דעם גוף מיט נאן-סטאפ תענוגים עד שיבלו שפתותיכם מלומר די?

מעשים בכל שבת ווי יונגעלייט און צומאל אפילו עלטערע בעלי בתים שיכור'ן זיך אן פיל ערגער ווי פורים נאכמיטאג. וויפיל צער און בושה איז דאס גורם פאר די ווייב און די קינדער דאס צו דארפן מיטהאלטן... געוואלד און געשריגן! איז עס נארמאל אז הצלה זאל דארפן אהיימבאגלייטן אנגעטרונקענע חברה מדי שבת בשבתו?

דארפן קינדער צוקוקן מיט זארג ווי "טאטי איז שיכור!" ...אין א געווענליכע שבת זאלן פרויען און קינדער דארפן ציטערן וואס די טאטע גייט רעדן אדער טוהן צוליב'ן זיין שיכור ווי לוט??

איז שבת אין קאנטרי א צייט פון הולטייען מיט מגושם'דיגע אכילה און טרינקעריי אויפ'ן פרייע פעלד לעיני השמש?? וואס איז געשעהן מיט א סעודת שבת וואס איז לא יזכר ולא יפקד? די בני בית האט זיך אפגעמוטשעט צוצושטעלן גוטע מאכלים, און אלעס בלייבט איבער כמות שהוא אומבארירט פאר'ן זונטאג'דיגע נאכטמאל...

ווי ווייטאגליך איז געווען צו הערן ווי א יונגערמאן האט זיך לעצטענס אויסגעדרוקט מיט'ן גאנצן ערנסטקייט זיך צו פארענטפערן אויף זיין מנהג שיכרות שבת במשכ'ן דאווענען: כ'מוז טרינקן, ווייל אז נישט וועט מיין רביצין פרעגן וואס גייט פאר מיט מיר? כ'קען נישט זיין אנדערש ווי יעדן שבת...!"

דאס פאסט זיך ענדערש פאר די מאדערנע סינעגאגס ווי ס'איז דא אפיציעל א "קידוש קלאב", ווי יעדן שבת נאך שחרית (זריזין מקדימין פון פסוקי דזמרה אדער גאר פריער...) קומען די מעמבערס פונעם חבורה זיך צוזאם אויף א "שבת פארטי" א געמיש פון אנשים ונשים צוזאמען רח"ל, ווען רוב פון זיי קומען לכתחלה אן אין ביהמ"ד נאר צום קידוש...

ווי פריער דערמאנט טוט זיך יעדע גוטע זאך אביסל אוועקדרייען פונעם אמאליגן שטייגער, אבער צו מאכן אזא דראסטישן 'טרי סיקסטי דעגרי טוירן', אז פון א סימפל לחיים זאל עס ווערן פארוואנדלט אין א מערת פריצים פון ליצנות, ניבל פה, שחוק וקלות ראש און אפשר נאך ערגער פון דעם...?

און א קאפיטל פאר זיך קומט זיך ווען איבער די נייע 'מנהג' וואס איז לעצטענס אנשטאנען און אסאך בתי מדרשים ביי די שמחת תורה קידושים ווען עס ווערן צוגעשטעלט אלע ערליי בראנפן און וויינען מיט בשר ודגים וכל מטעמים מן הבוקר ועד הערב ברצופות, אנגעבליך צו א מנהג אז שמחת תורה דארף מען זיין בגילופין.

עס איז א רחמנות און ווייטאג צו זעענדיג ווי

היימישע אינגעלייט וואלגערן זיך אויף די בענק און טישן טויט שיכור, עס איז אלעמאל געווען דא דארט אידן וואס האבן אביסל'ע געטרינקן לכבוד היום, אבער די שרעקליכע זויפעריי, אנגעגעסן און אנגעפרעסן, אין אזא הייליגן טאג ווען מיר פרייען זיך מיטן הייליגן באשעפער און זיין הייליגע תורה, דאס איז דאך ממש א גרויל, די געמיינקייט איז דאך אין לשער.

יא יא, נוסח אמעריקא בתפארתה!

## צייט פאר א טויש

ניין ניין און נאכאמאל ניין! מ'קען נישט און מען גייט נישט איבערמאכן די גאנצע וועלט! גערעכט טאקע. אבער די איינציגסטע וועג צו בלייבן אביסל ביים זינען, איז ווען יעדער יחיד פאר זיך נעמט זיך א קליינטשיגע קבלה טובה אין דעם ענין, אפילו א פיצעלע טויש קען האבן א ווייטגרייכענדע עפעקט.

איבריג צו זאגן אז ער זאל באשליסן מיט א פעסטע החלטה "איך מאך נישט אזעלכע סארט קידושים", נאר איך וויל מיין שמחה זאל ברענגן די ריכטיגע תועלת וואס דארף ארויסקומען דערפון, און איך קען באשטיין מהנה זיין מיינע געסט וואס קומען פונדערווייטענס זיך צו דערקוויקן מיט א טעימה קלה, אבער זיכער נישט מאכן אויף אן אופן פון 'אין קידוש אלא במקום סעודה'.

ביסט א בעל שמחה? בלייב א 'בעל שמחה' און ווער נישט קיין 'בעל הוללות'.

א יונגערמאן קען אפמאכן ביי זיך קליפ און קלאר, איך בין זיך נישט משתתף ביי אזא קידוש וואס איז נישט לפי רוח התורה ורוח השבת, העכסטענס וועל איך רופן נאך שבת יענעם וואונטשן מזל טוב טעלעפאניש. ערליכע בתי מדרשים דארפן אוועקשטעלן סטאנדארטן וויאזוי די צורה פון א קידוש זאל אויסזעהן, און מיט די כח פון יעדן יחיד באזונדער איז מען ביכולת בעז"ה צו ברענגן גרויסע ענדערונגען צום יעצטיגן מצב.

לאמיר מאכן א קידוש ה' אויף די גאנצע וועלט...!

# אידיש שטימע

## אידן ווילן זיין גוט!

אשרי העם שככה לו! עס איז ממש געוואלדיג וואס אידן טוען אויף אויף די וועלט!

מען קען זעהן בחוש אז אידן ווילן באמת זיין וואויל נאר מען כאפט זיך נישט אז געוויסע זאכן זענען אן עוולה, יעדער וויל דאך פשוט מאכן געלט און צומאל כאפט מען זיך נישט וואס מען טוט. אבער איינמאל מען איז מעורר אויף די ריכטיגע וועג, זעט מען וויאזוי ממש רוב עולם שטעלט זיך צו דערצו, היינט זעהט מען שוין כמעט נישט אזעלכע אדווערטייזמענטס וואס מען האט געזעהן א יאר צוריק, עס איז ממש א קידוש שם שמים, מען זעהט א אויסטערלישע שינוי לטובה.

איינמאל מען האט אנגעהויבן רעדן האט דער עולם תיכף פארשטאנען וואס מען מיינט.

## די קאסטומערס האבן די פולסטע רעכטן

א גוט יאר, דא רעדט א אינגערמאן פון בארא פארק.

איך האב געזעהן א עד פון א געוויסע קאמפאני וואס פארקויפט תשמישי קדושה וואס איז געווען זייער גוי'איש און פראסט, עס מיר זייער געבאדערט ווען איך האב עס געזעהן, און נאכן ליינען די 'אידישקייט גליון' האב איך גענומען די שטארקייט אריינצוגיין אין דעם געשעפט און איך האב געוויזן דעם עד פאר די ארבעטער וואס איז געשטאנען דארט און כ'האב אים געזאגט אז א געשעפט וואס פארקויפט תשמישי קדושה האט געמאכט א עד וואס זעהט ענדערש אויס ווי דאס איז א געשעפט פון תקרובי עבודה זרה.

איז געשטאנען דארט א צווייטער און מיר געפרעגט פארוואס איך זאג עס פאר דעם אינגערמאן, ער איז דאך נאר א ארבעטער פאר קאסטומער סערוויס, האט זיך דער ארבעטער אנגערופן אז ניין, ער איז א קאסטומער און ער האט אלע רעכטן זיך צו מעורר זיין און קאמפלעינען אויף די געשעפט, ער האט זיך באדאנקט פאר מיר זאגנדיג אז ער גייט עס איבערגעבן פאר די בעלי בתים און ער גייט זעהן צו טון וואס ער קען.

## א פחד פון ליין מאטריאל

איך האב אמאל געהערט פון הרב טירנויער הגה"צ אב"ד שומרי שבת זצ"ל איבער די ענין פון נישט כשר'ע ליין מאטריאל, האט ער געזאגט אז אינדערהיים איז געווען אסאך צייטונגן און אויסגאבעס אויף א היימישן אידיש מוואס איז געווען געפערליך פאר'סמ'ט, און יעדע ערליכע איד האט געוויסט אז מען רירט נישט אן, און אוודאי אז מען ברענגט נישט אריין אין שטוב קיין שום ליין מאטריאל אן קיין פארלעסליכע הסכמה פון א היימישע אנגענומענע רב.

נאך די קריג האט דער ס"מ גענומען א דרך ארוכה וקצרה צו אריינברענגן דאס ענין ביי כלל ישראל און מען זאל זיך בכלל נישט כאפן וואס דא גייט פאר.

וויבאלד די אידן וואס זענען דא אנגעקומען נאכן קריג און געהאראוועט אויפצושטעלן אידישקייט זענען באמת נאר געווען פון ריינע ערליכע אידן, ווייל די שוואכערע האבן זיך ליידער אינגאנצן אפגעלאזט פונעם דרך הישר, במילא איז נישט געווען קיין עכטע פארדארבענע חברה, און עס אי זנישט געווען אזוי שטארק קיין פאר'סמ'טע שרייבער'ס, און דאס וואס איז א געווען איז געווען הונדערט פראצענט ריין און אויסגעהאלטן, און מען האט פארגעסן דעם פייערדיגן פחד אז ביכ"ל איז ר"ת כ'ל ב'איה ל'א י'שובון, און מען דארף ציטערן ווי פון פייער פון אן געשריבענע ווארט אן קיין הסכמה.

מיט די צייט ווען די דור האט זיך צוואוואקסן האבן אויך ליידער מיטגעוואקסן שוואכערע ארויסגעפאלענע חברה, און ליידער זענען היינט דא זייער אסאך שרייבערס וואס זענען אנגעפיקעוועט מיט אלע סארטן מיינונגן איבער תורה און אידישקייט, און זיי ווילן דאס מפרסם זיין פאר די וועלט, ווערן זיי תמימות'דיגע שרייבערס מיט א טיפע גיפט, און קיינער כאפט זיך נישט וואו ווייט דער שרייבט פירט דעם מענטש'ס מח און מהלך המחשבה, מען כאפט בכלל נישט אז עס איז א פראבלעם, עס איז דאך אויף אידיש, נא וואס קען שוין זיין שלעכט?!

דאס האב איך געהערט פון אים פאר איבער 15 יאר צוריק, ומה נענה אנן אבתרייהו.

# וויאזוי האט זיך דיין טאטע געפירט, וויאזוי פירסטו דיך, און וויאזוי וועלן דיינע קינדער זיך פירן...??

מתוך דברות קודש מאת
**כ"ק מרן אדמו"ר מסאטמאר שליט"א**
חול המועד פסח תשפ"א לפ"ק

ווען עס געשעהט אזעלכע זאכן, איז גארנישט קיין מקרה, א חלק פון דער תוכחה איז, אז מען וועט תולה זיין אז אלעס איז נאר א מקרה והלכתם עמי בקרי, אויף דעם זאגט דער פסוק, והלכתי עמכם בחמת קרי (ויקרא כו, כז-כח), ווען מען מיינט אז עס איז נאר א מקרה.

**ליידער היינט די אלע שמחות, וויפיל גוי'אישקייט האט מען אריינגעברענגט אין אידישע שמחות, די פארשידענע סארט מוזיק מיט שפילער, די מלבושי נשים מיט לאנגע קליידער, און אלע גוי'אישע ניגונים. מען דארף וויסן אז מען שטעלט אויף א שטוב מיט השראת השכינה, עס זאל נישט זיין ח"ו ולא יראה בך ערות דבר ושב מאחריך (דברים כג, טו). דאס איז די קבלה מיט וואס מען דארף זיך אוועקשטעלן, ווי אזוי עס זאלן אויסזעהן אונזערע שמחות.**

עס קומט דער זומער, מען פארט ארויס אין די קאנטרי'ס, איז אויך דער תכלית ארויספארן פון דער שטאט, ווייל ווען מען גייט אויף דער גאס אין דער שטאט, דארף מען האבן א געוואלדיגע שמירה, דער פריצות די זוהמא, פארט מען ארויס פון שטאט אז מען זאל זיך קענען האלטן ערליך.

לעומת זה, קודם אז איינער פארט ארויס אין קאנטרי, און גייט נאכדעם דארטן אין א שאפינג מאלל, ווייל עס איז אים נמאס איינצוזיצן און ער גייט ארויס, האט ער געטוהן דעם היפך פון דעם וואס וואלט געדארפט זיין, דער תכלית פון גיין אין די קאנטרי איז

**לעומת זה, קודם אז איינער פארט ארויס אין קאנטרי, און גייט נאכדעם דארטן אין א שאפינג מאלל, ווייל עס איז אים נמאס איינצוזיצן און ער גייט ארויס, האט ער געטוהן דעם היפך פון דעם וואס וואלט געדארפט זיין, דער תכלית פון גיין אין די קאנטרי איז דאך כדי צו זיין אפגעהיטן.**

דאך כדי צו זיין אפגעהיטן.

עס קומט זומער, עס וועלן זיין די שבתים, און זונטאג, ער שטעלט זיך אוועק מיט א שיעור, מיט א סדר, מיט א קבלת עול, ער וועט דאס איבערלערנען, ער וועט דאס חזר'ן, ער וועט אויסנוצן די שבתים, אויסנוצן די זונטאג'ס.

**עס זענען דא ליידער מקומות וואס מען מאכט דעם גאנצן שבת מיט אזעלכע קידושים, און די מוצאי שבתים מיט גרויסע סעודות, מיט אלע מיני זולל וסובא, אלע מיני פליישן און וויינען, עס קומט נאכדעם צו דעם, אז עס איז דא תערובת אנשים ונשים, א פריקת עול במלא מובן המלה! וואספארא חינוך ווייזט דאס פאר די קינדער, ווי אזוי א טאטע פירט אפ א שבת, ווי אזוי א טאטע פירט אפ א מוצאי שבת?!**

דע מאין באת, ולאן אתה הולך, טראכט פון וואו דו קומסט, ווי אזוי האבן דיין טאטע און דיין זיידע אפגעפירט, ולאן אתה הולך, וואו פירסטו, וואו וועלן דיינע קינדער אנקומען, וואו וועלן דיינע אייניקלעך אנקומען, אז דו שטעלסט דיך נישט אוועק, מיט א ריכטיגע מסורה, זיך אוועקשטעלן אזוי ווי עס איז געווען פון פריער, ווער ווייסט וואס דאס וועט ברענגען, מיר זענען אזויפיל אפגערוקט פון פריערדיגע דורות, ווי ווייט וועלן זיין די דורות פון שפעטער אפגערוקט פון יעצט.

# רינגס ארום און ארום

כאפנדיג א בליק רינגס און ארום אונזערע נקודות פון דא און דארט




## האט איר שוין געהערט פון די נייע וועג צו זאגן א גוט שבת?

אה, היינט איז נייע צייטן, היינט זאגט מען א גוט שבת מיט א טאץ פון צוועלף קאלירדיגע טשאקלאדן...

אויב איר וואונדערט זיך פון וואו דער מאדנע באגריסונג קומט, כאפט א בליק אויף די דריטע לאקאציע




א פרישע קאמפאני פון 'דזשעל' צו האלטן די פיאות שיין פענסי, האט געטראפן א פאסיגע נאמען. חסידיש.




## מיר זענען אפן א גאנצע וואך!

אייער מויל וועט צורינען ווערן פון אזא ברייטן ביס, עס וועט זיין ממש א מחי', קומטס פרעסן אין די מאסן...

## יא! אונזער סושי וועגט אראפ דעם וואגשאל!

לאמיר אביסעלע צונעמען דעם עד.

מען שטייט פאר ראש השנה, און אידן ווייסן אז שוין איבער א חודש וואס אפי' די פיש אין וואסער ציטערן, ומלאכים יחפזון ויאמרו הנה יום הדין, מי יחי' ומי ימות, עס איז נישט קיין מאנקי ביזנעס. דער אויבערשטער קוקט אן יעדן איד ביז די טיפעניש פון הארץ, צו זעהן וויאזוי דער יאר איז אדורך, ומי יאמר זכיתי לבי, ולב יודע מרת נפשו. מען טוט תשובה מעומקא דליבא, און מען נעמט זיך פאר אז צום נייעם יאר וועט מען עפענען א פריש בלעטל, מען וועט זיך היטן די אויגן, דאווענען בעסער, זיך זעצן לערנען, היטן דאס מויל, היטן די מחשבות.




אבער דא האמיר א אינגערמאן, וואס ער טרעט צו צום יום הדין מיט א רואיגקייט, ער דארף פאר גארנישט מורא האבן, ער איז זיכער צו פארשריבן ווערן בספר חיים ברכה ושלום, ווייסט איר פארוואס? ווייל ער האט זיך גוט אנגעפרעסן מיט סושי! נעבעך נעבעך.

פאר יעדן ערליכע איד טוט וויי די אויגן צו זעהן אזא עד.


מזל טוב, א שמחה
אין א אידישע שטוב!
לאמיר
עס לאזן
אידישליך...!
ווען איר געבט א קידוש
לע"נ אייערע זיידעס אדער
צדיקים, מאכט זיכער אז עס
איז טאקע אזוי ווי זיי וואלטן
געוואלט עס זאל זיין.
צו איבערלאזן א מעסעדזש פאר די מערכת רופט:
845.320.5180
realyiddishkiet@gmail.com
• הערות
• קאמענטארן
• געדאנקען